בס"ד

שבת מברכים

שבת מברכים מרחשון | ר"ח יום ראשון ושני | המולד בשבת 18:33 | 1 חלק'

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**בראשית**

**כ"ט תשרי תשפ"ד**

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:35 |
| מוצש"ק | 6:45 |
| ר"ת | 7:25 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:48 | סוז"ת א' | 10:00 |
| סוזק"ש ב' | 9:33 | סוז"ת ב' | 10:31 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': נ"א

שנה ב'

## טיב הפרשה

# ורוח אלקים מרחפת

## דער לימוד פון די בריאה פארן עולם קטן

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר איבער די בריאה פון די וועלט. מיר לערנען אז איידער די בריאה איז די וועלט געווען וויסט און פוסט און עס האט געהערשט א חשכות אויף די וועלט, און אז נאר נאך די בריאה איז אראפגעקומען א ליכטיגקייט אויף די וועלט.

אין כמעט אלע ספרי קודש ווערט מבואר דער געדאנק אז יעדער איד פאר זיך איז אן עולם קטן, אז אלעס וואס איז דא אין די גרויסע וועלט, קען מען טרעפן ביי דעם מענטש אליין, און ווען מען לערנט איבער די באשאף פון די וועלט איז א גוטער צייט זיך צו מתבונן זיין אין די בריאה און ארויסנעמען פונעם 'עולם גדול' א לימוד אויפ'ן 'עולם קטן'.

ווען די תוה"ק הייבט אן איר ערציילונג איבער די השתלשלות הבריאה הייבט זי אן מיט'ן דערציילן איבער די שווערע חשכות וואס האט געהערשט אויף די וועלט ביים אנהייב פון די בריאה און ווי עס איז דער לשון הפסוק – והארץ היתה תוהו ובוהו וחושך על פני תהום - אבער אין די זעלבע צייט זאגט אויך די תורה הק' אן אז עס איז אויך געווען 'ורוח אלקים מרחפת על פני תהום', אז אויך אין די טיפע און געדעכטע חושך האט זיך באהאלטן א רוח אלקים.

די תוה"ק רעדט דא צו דעם איד. ער זאגט אן פאר'ן איד אז ער זאל וויסן אז אויך ווען די וועלט איז פול מיט וויסטעניש, עס זעט אויס טונקל, איז אבער אויך דא א באשעפער, א רוח אלקים וואס באגלייט אלעס און פירט אלעס אויף די בריאה, דער באשעפער פארלאזט נישט די וועלט, זיין השגחה איז ווייטער ממשיך איבעראל, אפילו אז מיר זעען עס נישט.

עס געשעט אסאך מאל אז עס באפאלט א איד א פינסטערניש. ער טרעפט זיך אין אזא חשכות אז ער שפירט חלילה ווי ער איז א פארגעסענער, א פארלאזענער. אין אזעלכע שווערע מאמענטן קען אים אויסזען אז זאכן פירן זיך פון זיך אליין חלילה און איבער אזא צייט רעדט צו אים דער רבוש"ע און דערמאנט אים אז אויך אין די גרעסטע תוהו ובוהו על פני תהום איז דא א רוח אלקים וואס שוועבט ארום דיר.

אבער דער געדאנק גייט אויך א טריט ווייטער. די פסוק זאגט פאר'ן איד אז נישט נאר איז דער רוח האלקים מרחפת, נאר אז אויב מען וועט געדענקען דעם רוח אלקים מרחפת וועט אויך מקויים ווערן וואס עס שטייט ווייטער און דאס

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# כְּדֵי שֶׁתִּכָּנֵס לִטְרַקְלִין!

א פשוט'ער מענטש וועלכער האט אמאל געדארפט ארויספארן פון שטאט, איז געגאנגען צום סטאנציע אין צענטער פון שטאט, וואו די בעלי-עגלה פלעגן נעמען די רייזנדע צו זייער ציל, און צו זיין וואונדער זעט ער ווי דער בעל עגלה זיצט אינדרויסן פונעם וואגן, זייער אומבאקוועם, אינדערצייט וואס אלע געסט זיצן געשמאק אינעם וואגן.

זעענדיג דאס, האט ער נישט געקענט ליידן דעם געפערליכן אומרעכט, און איז צוגעגאנגען צום בעל עגלה און אים געפרעגט: זענען די פערד און וואגן דיינע? יא, האט דער בעל עגלה געענטפערט. אויב אזוי, האט ער געפרעגט, פארוואס זיצסטו אינדרויסן פונעם וואגן, אינדערצייט וואס מיר זיצן אלע אינעווייניג אין וואגן?

הערנדיג די פראגע, האט אים דער בעל עגלה ערקלערט, אז יעצט זיצט ער דא וויבאלד דאס איז זיין אויפגאבע, אבער ווען זיי וועלן אנקומען צו זייער ציל, וועט ער באקומען זיין באלוינונג דערפאר, אינדערצייט וואס אלע מענטשן וואס זיצן יעצט אינעם וואגן, וועלן זיך גיין יעדער איינער זיין וועג.

אין פרשת בראשית לערנען מיר איבער די מעשה פון הבל און קין, וויאזוי קין האט גע'הרג'עט זיין ברודער הבל. מיט אונזערע פליישיגע אויגן וואלטן מיר געקענט טראכטן, אז דאס איז נישט קיין יושר ח"ו, וויבאלד הבל איז דאך געווען דער צדיק וואס דער אויבערשטער האט זיך געקערט צו זיין מנחה, און צו קין און זיין מנחה האט ער זיך נישט געקערט, אויב אזוי, וויאזוי קען זיין אז הבל דער צדיק האט אזוי יונג געענדיגט זיין לעבן, אינדערצייט וואס קין האט מאריך ימים געווען ביז זיבן דורות!

נאר, דא לערנען מיר א וויכטיגן יסוד, אז די הצלחה ווערט בכלל נישט געשאצט לויט דער וועלט, וויבאלד דער עולם הזה איז נאר א דורכגאנג צום עולם האמת, און נאר דארט אויפן עולם האמת וועלן מיר קענען זען וואס איז אן אמת'ע הצלחה, און ווי גרויס איז דער שכר פון יעדע מצוה.

מיר שטייען אין די טעג פון 'בראשית', ווען יעדער איינער געפינט זיך נאך אונטערן איינדרוק פון די הייליגע טעג און ימים טובים פון חודש תשרי.

צומאל, ווען עס וועפט זיך אויס די אטמאספער פון די ימים טובים, ווערן מיר אפגעשוואכט פון די גוטע בלות וואס מיר האבן זיך אונטערגענומען, וויבאלד עס זעט אונז אויס אז מיר האבן נישט אויסגעפירט געהעריג די זאכן וואס מיר האבן מקבל געווען אויף זיך, איבערהויפט אז כָּל הַתְחָלוֹת קָשׁוֹת.

דארפן מיר אבער געדענקען, אז ווען מען וועט אנקומען צום ציל, וועט מען באצאלן שכר פאר דער וואס האט געטון זיין אויפגאבע אינדרויסן פונעם וואגן... ווייל דער עולם הזה איז געגליכן צו א דורכגאנג, אזוי ווי דער הייליגער תנא זאגט: הַתְקֵן עַצְמְךָ בַּפְּרוֹזְדוֹר כְּדֵי שֶׁתִּכָּנֵס לִטְרַקְלִין.

(עפ"י טיב המועדים – תשרי – אחרי החגים)

זמנים אויף
קבלת קהל און שיחות
0534-100024

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

איז די יצירה פון די אור.

נאך די חשכות און די וויסטעניש קומט צוגיין די מימרא פון 'ויאמר אלקים יהי אור – ויהי אור'. ווייל ווען דער איד וועט דאס אריינגעמען אין זיך וועט באשאפן ווערן א נייע יצירה, עס וועט באשאפן ווערן א ליכטיגקייט, עס וועט אים ווערן ליכטיג אין די אויגן, די פינסטערניש וועט זיך אפטון פון אים.

נאך א געוואלדיגע לימוד וואס מיר קענען זיך ארויסלערנען פון די וואכענדיגע סדרה איז נוגע די נושא פון שידוכים. אין די פרשה לערנען מיר איבער די ערשטע שידוך אין די וועלט, די שידוך פון אדם וחוה און דאס האט דער רבוש"ע געמאכט.

ווען מען טראכט אריין וואס האט דער חתן מיט די מחותנים געטון אין די צייט ווען די שידוך איז נולד געווארן, זעט מען ווייטער א געוואלדיגער מוסר השכל בנוגע שידוכים.

אין די צייט ווען הקב"ה האט געמאכט די שידוך האט אדם הראשון געכאפט א דרימל, מיט די גרעסטע מאס רואיגקייט איז ער געשלאפן אין זיין בעט, וויסנדיג אז דער בורא כל העולמים ברענגט אים צו אלעס וואס ער דארף.

אין די היינטיגע וועלט ווען טראכטנדיג פון א שידוך קומט גלייך ארויף אויפ'ן געדאנק אז מען דארף רעדן מיט שדכנים און זיכער מאכן אז מען טרעפט זיך צו די פאסיגע, איז גוט אז מען זאל געדענקען וואס מען לערנט דא ארויס פון אדם הראשון, אז איידער די ערשטע וועלט'ס שידוך האט דער חתן נישט געטון עפעס אנדערש ווי געדרימעלט, און דורך זיין דרימל האט הקב"ה באשאפן זיין כלה.

מען זעט עס ביי שידוכים, אבער בעצם דארף דאס זיין דער בליק פון א איד אויף יעדער זאך אין די וועלט. דער רבוש"ע וויל טאקע אז מיר זאלן טון השתדלות, אבער ער וויל אויך אז ווען מען טוט די השתדלות זאל זיין קלאר ביים מענטש אז דער רבוש"ע טוט אלעס און אז ער געפינט זיך אין זיינע הענט, ער זאל זיין אזוי רואיג, אז ער זאל קענען כאפן א דרימל, ווייל דער באשעפער פירט אלעס פאר אים, בעסער ווי ער קען עס אליין פירן.




די בחינה איז מרומז אין פסוק פון איוב [ג. יג] ישנתי אז ינוח לי, אז אויב דער מענטש וועט זיך פירן ביי יעדע זאך ווי ער שלאפט וועט ער אנקומען צו די ריכטיגע מאס מנוחה אויף די וועלט.

מען דערציילט אז ווען דער בריסקער רב איז אנטלאפן אין די מלחמה יארן מיט זיין משפחה האט מען דערקענט אויף אים אז ער לעבט אין א געוואלדיגער פרעשור טראכטנדיג אן אויפהער וואו אהין ער זאל לויפן, וועלכע זייט איז בעסער.

ווען מען האט אים געפרעגט איבער זיין באזארגטקייט און צי ער זארגט זיך וועגן די גרויסע סכנה האט דער בריסקער רב געזאגט אז ניין, ער דאגה'ט נישט וועגן די סכנה, זיין דאגה איז נאר ווייל ער ציטערט צי ער טוט די ריכטיגע שריט וואס איז די בעסטע מקיים צו זיין די מצוה פון ונשמרתם מאוד לנפשותיכם.

דער בריסקער רב האט צוגעלייגט אז אויב וויל מען זיך איבערצייגן אז דאס איז זיין זארג קען מען זען אז ווען עס וועט זיין נוגע צו וועלכע השתדלות מען זאל מאכן וועט ער זיין באזארגט אבער אין די רגע וואס מען וועט שוין נישט קענען מאכן קיין השתדלות, ווייל די סכנה וועט זיין אזוי גרויס, אז נאר פון הימל וועט מען קענען ראטעווען וועט ער שוין נישט זיין באזארגט, נאר שלאפן מיט א רואיגקייט, ווייל סיי ווי סיי איז נישט דא וואס צו טון.

דאס איז געווען דער בליק פון א צדיק, ער האט געשפירט אז ער איז אין די הענט פון הקב"ה, אז ער קען זיך לייגן שלאפן אין די גרעסטע בהלה, אבער ווען עס האט זיך גערעדט פון השתדלות האט ער נישט געקענט שלאפן אויס זארג אז ער מאכט נישט די ריכטיגע השתדלות.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל זיך ארויסלערנען די ריכטיגע השקפה פון די פרשה און אנקומען צו א דרגה פון זיך פארלאזן אויפ'ן בורא כל העולמים אין אזא הויכע דרגה.



# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

## געווארט אויף די ריכטיגע מעדיצין

ווען מיין ווייב האט מיר אריינגעקלינגען און דערציילט אז מיין לעבעדיגע טאכטער וואס גלייכט ארומצוטאנצן און ארומווילדעווען איז זייער שוואך און פיבערט, און אז די מעדיצין וואס מען נוצט געווענליך צו נידערן די היץווירקט נישט, זענען מיר אריבער צו די שכינות'דיגע דאקטאר.

דער דאקטאר האט אונז געגעבן א שטארקע מעדיצין און אנגעווארענט אז אויב עס איז נישט קיין דראסטישע ענדערונג ביז אינדערפרי זאלן מיר זאפארט אריינפארן אין שפיטאל, ווייל דער מצב זעט נישט אויס גוט.

זיינע ווערטער האבן אונז דערשראקן. מיר זענען אריבערגעלאפן צו די לאקאלע אפטייק און איבערגעגעבן פאר'ן אפטייקער דעם רעצעפט און אים געבעטן די מעדיצין, אבער זינט זי איז געווען א זעלטענע מעדיצין האט עס דער אפטייקער נישט געהאט ביי זיך.

ארומזוכנדיג אין די לאקאלע אפטייקערס פאר דעם רעצעפט זענען מיר נאכאמאל אנגעקומען צו דעם דאקטאר אנפרעגענדיג צי מען קען נעמען עפעס ענדליך צו דעם. ווען דער דאקטאר האט געהערט פון וואס מיר רעדן איז ער געווארן שאקירט.

"דא האט זיך זיכער געדארפט זיין עפעס א טעות, געבט נישט די מעדיצין וואס שטייט אויפ'ן צעטל, עס איז סכנת נפשות".

אויפ'ן ארט האט ער אריינגעשיקט די ריכטיגע רעצעפט און מיר האבן געדאנקט דעם רבוש"ע אויף די גרויסע חסד וואס עס האט דא פאסירט אז די אפטייק האט נישט געהאט די מעדיצין.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די עגמת נפש וואס מיר האבן געהאט אז דער אפטייקער האט נישט די רפואה און אז אויך די שכינות'דיגע אפטייקן האבן עס נישט ביי זיך איז נאר געווען לטובה, עס האט אונז געראטעוועט פון זיך נוצן מיט א שעדליכע הייל מיטל.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה א.פ.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

ערקלערן די הייליגע ספרים "בְּרֵאשִׁית" – בָּרָא אֱלֹקִים, אז דער אויבערשטער האט באשאפן דעם כח פון "ראשית" און התחדשות אין די גאנצע בריאה, און גלייך אין אנהייב פון די בריאה האט דער אויבערשטער אריינגעלייגט אין יעדער זאך דעם כח פון שטענדיגע התחדשות, אז זיי ווערן צוריק באנייט אזוי ווי אין אנהייב, אזוי ווי מיר זאגן יעדן טאג ביי די ברכה פון יוצר אור: "הַמְחַדֵּשׁ בְּטוּבוֹ בְּכָל יוֹם תָּמִיד מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית".

אום "שַׁבַּת בְּרֵאשִׁית", איז דא א וואונדערליכער חידוש, ווען נאך די געהויבענע און הייליגע טעג הייבן מיר אלעס אן פונדאסניי, פון בראשית.

אבער פון דער צווייטער זייט, פארשטייט יעדער בעל שכל, אז אט דער גאנצער חידוש און געוואלדיגע שמחה וואס אידישע קינדער שפירן ווען עס הייבט זיך אן דעם נייעם יאר און מען הייבט אן נאכאמאל פון "בראשית" – ווענדט זיך זייער שטארק לויט ווי גוט איז געווען זיין עבודה אין די הייליגע טעג וואס זענען יעצט דורכגעגאנגען, און וואס מער מען האט משקיע געווען אין די אינערליכע עבודה, און מען האט זיך אויסגעהארעוועט און אויסגעלייטערט, אלס בעסער וועלן ארויסקומען די פירות, און אלס גרעסער וועט זיין ביי אים דער כח החידוש פון שבת בראשית.

אויף דעם איז מען מרמז אינעם פסוק אין קהלת (ה, יא): "מְתוּקָה שְׁנַת הָעֹבֵד", אז די ווארט "שנת" איז אזוי ווי "שנה", דאס קומט צו ווייזן, אז ווער עס לייגט אריין כוחות אינעם אנהייב פון די יאר, דער איז פארזיכערט מיטן אויבערשטנ'ס הילף, אז ער וועט האבן א גוטע און זיסע יאר.

אבער ווער עס האט זיך נאכגעלאזט און האט זיך געפוילט ביי די עבודה פון די הייליגע טעג, און האט נישט מקיים געווען דער אנהייב פונעם פסוק אין תהלים (קכו, ה) "הַזֹּרְעִים בְּדִמְעָה" – וויאזוי איז דען מעגליך אז ער זאל אנקומען צום ענדע פונעם פסוק, "בְּרִנָּה יִקְצֹרוּ"...

אזוי ווי מיר וועלן זען אינעם קומענדיגן מעשה, אז ווען מען ווייסט זיך גוט אויס פון אנהייב, ווען מען דארף וויינען, דעמאלטס איז מען שפעטער זוכה זיך צו פרייען אזוי ווי עס דארף צו זיין! – אבער אויב אין אנהייב, ווען מען וואלט אייגנטליך געדארפט וויינען, פריידט מען זיך און מען איז לוסטיג... דעמאלטס טוט מען שפעטער וויינען...

-> • <-

אט די מעשה איז פארגעקומען בערך אינעם יאר תשי"ד לפ"ק, אין די גרויסע אמעריקע, אינעם בארימטן ישיבה פונעם גרויסן גאון הרב מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל, בעל "מן המיצר".

איין אינדערפרי, איז א פרוי אנגעקומען צו די ישיבה, ווען זי וויינט און קלאגט בדמעות שליש, און זי בעט אז זי דארף זייער וויכטיג אריינגיין צום גרויסן רב, וויבאלד זי האט זייער א וויכטיגן ענין צו רעדן מיט אים.

אין די זעלבע צייט, איז דער רב געזעסן אינעם שיעור-צימער, ארומגערינגלט מיט א גרופע תלמידים פונעם העכערן שיעור, און האט געהאלטן אינמיטן א שיעור,

# שַׁבַּת בְּרֵאשִׁית

"בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ" בראשית א, א.

וואס ער פלעגט איבערגעבן טאג-טעגליך.

האט מען געגעבן צו פארשטיין פאר די פרוי, אז עס איז נישטא קיין שום וועג ארויסצונעמען דעם רב פונעם שיעור, און די איינציגסטע וועג וואס זי האט, אויב האט זי נישט קיין אנדערע ברירה, איז אז זי זאל זיך אוועקשטעלן ביים טיר פונעם היכל, און אזוי זאל זי וויינען צו אים, און דעמאלטס וועט זיך אוודאי דער גרויסער רב באציען צו איר.

די פרוי איז גלייך צוגעגאנגען צום טיר פונעם צימער, און ווען דער רב האט געזען און געהערט ווי זי וויינט אזוי ביטערליך, האט ער איר געווינקען אז זי זאל זאגן דאס וואס ליגט איר אויפן הארצן. די פרוי האט זיך דערנענטערט מיט וואקלדיגע טריט, און האט דערציילט איבער די געפערליכע צרה וואס איז איר אונטערגעקומען, ווען היינט אינדערפרי איז איר יונגער זון געקומען צו איר, און האט איר פעסט געמאלדן אז ער גייט חתונה האבן מיט א גוי'איש מיידל, רחמנא ליצלן.

זי האט ערקלערט פארן רב, אז איר זון האט געזאגט אז דאס איז שוין אן ענדגילטיגע באשלוס, אפילו ער ווייסט אז מיט דעם האקט ער זיך אפ פונעם אידישן הויזגעזינד! וויפיל זי האט פראבירט ווייך מאכן זיין געפערליכן באשלוס, און ווי שטארק זי האט געוויינט און זיך געבעטן ביי אים, ערקלערנדיג אז ער פעלשט דערמיט אין זיינע עלטערן און אין אלע פריערדיגע הייליגע דורות, האט עס גארנישט געהאלפן, און זי ווייסט נישט וואס צו טון, כדי אים צו ראטעווען.

הערנדיג איר שרעקליכן דערציילונג, האט דער רב געבעטן אז זי זאל זיך אביסל בארואיגן, און האט צוביסלעך און מיט ישוב הדעת אנגעהויבן נאכגיין די פרטים פון די מעשה.

ווען ער איז אנגעקומען צום ענין פון דער חינוך וואס דער קינד האט באקומען, און ער האט פראבירט אויסגעפינען וואו ער האט געלערנט, און וואספארא חינוך האט ער באקומען, האט די פרוי געמאכט א הקדמה און האט זיך פארענטפערט פארן רב, אז וויבאלד זי איז א מלחמה-איבערלעבערין, וועלכע האט פיל געליטן אין די שווערע יארן, האט זי געהאט זייער א שווערע לעבן, און אויך נאך די וועלט-מלחמה ווען זי איז אנגעקומען קיין אמעריקע, איז איר געווען זייער שווער זיך אן עצה צו געבן דארט, וויבאלד עס איז דעמאלטס זייער שווער געווען צו טרעפן א גוטע ארבעט אין אמעריקע.

די פרוי האט ווייטער דערציילט, אז זי האט זייער רחמנות געהאט אויף איר קינד, און נישט וועלנדיג אז ער זאל אויך דורכגיין די אלע שוועריגקייטן, און וויבאלד זי האט געוואלט אז ער זאל טרעפן גרינג א גוטע פרנסה שטעלע, האט זי אים געשיקט שטודירן אינעם ארטיגן אוניווערזיטעט, און אינדערהיים האט זי אים שוין 'משלים' געווען די אידישע לערנונגען...

זי האט אויסגעפירט פארן רב, אז דארט אינעם אוניווערזיטעט וואו ער געגאנגען שטודירן, האט ער זיך באקענט מיט די גוי'אישע מיידל, מיט וועמען ער וויל יעצט חתונה האבן!!!

דער רב, וועלכער איז יעצט נאך אלץ געזעצן אין פארנט פון זיינע טייערע תלמידים, און וועלנדיג אז זיי זאלן ארויסלערנען א מוסר-השכל פון אט דעם געפערליכן געשעעניש, האט צום ערשט דערציילט א מעשה וואס האט פאסירט בימים ההם אין אייראפע...

און דער רב האט גענומען דערציילן:

ביים ענדע פונעם ערשטן וועלט מלחמה, האט זיך די לאנד פון פוילן געפינען ווי זי איז צוטיילט צווישן די בייזוויליגע רוסישע רעזשים, און די נייע פוילישע רעגירונג. אין אנהייב זענען די גרעניצן דורכגעגאנגען ממש אינמיטן באוואוינטע געגנטער, און צומאל פלעגט עס אריבערגיין ממש נעבן די שטעטלעך וועלכע זענען געווען צושפרייט אין די טויזנטער איבער דעם גרויסן לאנד.

אין איינע פון די שטעט, איז באשטימט געווארן דער גרעניץ ממש ביים עק פון די שטאט, אזוי אז דער בית הקברות וואס האט באלאנגט פאר די שטעטל איז געווען אביסל ווייטער פון די שטאט, און איז געבליבן ביים רוסישן זייט פון די גרעניץ. איז געלונגען פאר די אידן פונעם שטעטל, מיט אביסל שתדלנות, און נישט ווייניג 'שוחד' ביי די הויכע פענסטער... זיך דורכצוקומען מיט די רוסישע רעגירונג, אז אין פאל פון א לוויה ל"ע, וועלן די מענטשן פונעם שטעטל דורכגיין דעם גרעניץ, און אנקומען מיט א מנין מענטשן צום בית הקברות, דארט צו באגראבן דעם נפטר.

א גרופע באוואפנטע זעלנער, פלעגן אלעמאל שטיין ביים גרעניץ, מיט א שטרענגע געזיכט, און פלעגן שטרענג נאכקוקן יעדן איינעם וואס וויל דורכגיין דעם גרעניץ.

די אידן פונעם שטעטל פלעגן קומען יעדן מאל ווען עס איז געווען א לוויה, לויטן הסכם וואס זיי האבן געהאט, מיט די מטה פונעם נפטר, צום טויער פונעם גרעניץ, און האבן געבעטן אז זיי ווילן אריבערגיין צום בית הקברות כדי צו באגראבן דעם נפטר. די רוסישע וועכטער פלעגן גוט דורכקוקן וואס די אידן טראגן מיט זיך, און נאר נאכדעם וואס זיי האבן פעסטגעשטעלט אז דאס איז נאר א נפטר, אין באגלייטונג פון בלויז צען אידן, האבן זיי געעפנט דעם שווערן טויער און ערלויבט פאר די אידן דורכצוגיין דעם גרעניץ.

אבער מיט די צייט, ווען דער זעלבער זאך האט זיך איבערגע'חזר'ט נאכאמאל און נאכאמאל פונקט אויפן זעלבן שטייגער, האבן זיך די שומרים צוגעוואוינט אז ווען עס קומט א מטה באדעקט מיט א טלית... איז עס זיכער א לוויה, וואס אידן גייען ארויס צו באגראבן א נפטר אינעם בית הקברות, און זיי האבן אויפגעהערט נאכצוקוקן די מענטשן.

ווען די אידן, ווי דער שטייגער פון אידן, האבן

המשך אין עמוד ד' |>

געזען אז די שמירה האט נאכגעלאזט, האבן זיי זיך געכאפט אויף די מציאה... און האבן אויסגענוצט די נאַאיוּוקייט פון די רוסישע שומרים, וועלכע זענען געווען האלב אנגעטרינקען... און האבן אנגעהויבן דורכשמאגלען שווארצע סחורות, כדי נישט צו דארפן צאלן די טייערע און הויכע שטייערן, אונטערן שלייער פון א לוויה.

זיי האבן פשוט גענומען א 'מטה' און עס אנגעפילט מיט פילע טייערע סחורות, און אלעס באדעקט מיט א 'טלית' אזוי ווי עס דארף צו זיין, און אזוי האבן די אידן געטראגן דעם 'מטה' אזוי ווי עס וואלט געווען א לוויה... אינדערצייט וואס עס איז פשוט געווען א שווארצע געשעפט, כדי אויסצומיידן אלע געזעצן, און די גוי'אישע שומרים האבן פארשטייט זיך נישט געקענט מאכן א חילוק צווישן אן אמת'ע לוויה און א פאלשע...

איין טאג, דערציילט ווייטער דער ראש ישיבה צו די פארביטערטע פרוי, ווען די אידן האבן געטראגן זייער אסאך שווארצע סחורה... האט דער רוסישער שומר פלוצלונג געהייסן אפשטעלן די גאנצע 'לוויה', און געהייסן גוט נאכקוקן וואס עס געפינט זיך אין די 'מטה'...

די אידן זענען געווארן זייער דערשראקן, און האבן גענומען טענה'ן אז עס איז שוין א לאנגער צייט וואס דער זאך איז בכלל נישט אנגענומען אפילו לויטן געזעץ, וויבאלד עס איז א צער און בזיון פארן נפטר, און אויך א צער פאר די משפחה, און עס איז ממש פארבאטן לויט די אידישע הלכה!

ווי מען פארשטייט אליין, זענען די אידן געווען זייער דערציטערט, ווייל די גרינגסטע שטראף פאר אזא פארברעכן פון שמאגלען סחורה, איז געווען צו פארטריבן ווערן, לא עלינו, צו די ווייטע סיביר פאר עטליכע צענדליגער יארן, און אין אסאך פעלער פלעגט זיך אזא משפט ענדיגן מיט טויט-שטראף רחמנא ליצלן!

זיי האבן אנגעהויבן צו וויינען און זיך צו בעטן מיט ביטערע טרערן צום שומר, אז ער זאל זיי נישט שטערן אינמיטן אזא טרויעריגע לוויה... "מיר בעטן אייך, לאזט אפ דעם נעבעכדיגן מענטש", האבן זיי געבעטן מיט טרערן, "איז אונז דען נישט גענוג דעם ווייטאג מיטן שרעקליכן פארלוסט, פארוואס דארפט איר אונז נאך מוטשען אין אזא צייט, ווען דער נפטר ליגט דא פאר אונז"...

דאס אלעס האט זיי אבער גארנישט געהאלפן. דער רוסי'שער רשע איז נישט גרייט געווען נאכצוגעבן, און קעגן זייער ווילן האט ער גרונטליך נאכגעקוקט וואס עס ליגט אין די 'מטה', און גאנץ שנעל איז ער געוואויר געווארן וואספארא 'לוויה' גייט דא אריבער...

ער האט שנעל געלאזט רופן א באוואפנטער גרופע פאליציאנטן, וועלכער האט זיי אלע איינגעזעצט און מען האט זיי אלע גענומען צוזאמען מיט זייער סחורה אין א פארפאנצערטער שווארצער אויטא, צום גרויסן געריכט-הויז אין לענינגראד.

נאך גרויסע השתדלות, און אויסגעבן זייער אסאך געלט פאר שוחד, און זיך דרייען צווישן די פארשידענע ביוראען פון די פירער פון לאנד, איז געלונגען צו באפרייען די ארעסטאנטן אין אויסטויש פון א ריזיגער געלט-שטראף...

ווען די אידן האבן זיך צוריקגעקערט צו זייער שטאט, זענען זיי אין א טאג צוגעגאנגען צום שומר ביים גרעניץ, און געכאפט מיט אים א שמועס. צווישן די ווערטער, האבן זיי אים געפרעגט פארוואס האט ער זיי פלוצלונג באשלאסן זיי איינצוזעצן אינמיטן פון יענעם 'לוויה'? וואס האט פלוצלונג ארויפגעברענגט זיין חשד פונקט דעמאלטס?

זיי האבן ערקלערט פארן שומר, אז זיי זענען ממש געגאנגען אזוי ווי ביי א געווענליכע לוויה, און זיי האבן אפילו געהאט א 'מטה', צוגעדעקט מיט א טלית... זיי האבן שטארק מורא געהאט, אז עס איז דא געווען א 'מסירה', און מעגליך האט א איד, וועלכער האט געוואוסט פונעם שווינדל, איבערגעגעבן דעם סוד, און אויב אזוי דארף מען אים רופן צו א דין תורה, און ארויפלייגן אויף אים דעם גאנצן געלט-שטראף וואס מען האט געדארפט צאלן!

האט דער שומר געזאגט צו זיי: וויסן זאלט איר, אז קיינער האט מיר דאס נישט געלאזט וויסן, קיינער האט אייך נישט פאר'מסר'ט און עס איז דא גארנישט אריינגעקומען קיין אינפארמאציע אנטקעגן אייך... נאר אייך זאך האט ארויפגעברענגט מיין חשד, וויבאלד איך בין צוגעוואוינט ביי אלע לוויות וואס גייען דא אריבער, אז איך זע ווי מענטשן וויינען און זענען טרויעריג, דא און דארט זע איך אפילו ווי טרערן גייען אראפ פון זייערע אויגן, און אמאל האלטן זיי אפילו טאַשנטיכער אין זייערע הענט און ווישן זיך זייערע טרערן...

אבער דא, האט דער שומר ווייטער ערקלערט, ווען איר זענט אנגעקומען מיט אייער 'לוויה', האב איך נישט באמערקט קיין שום צער און קיין שום געוויין, פונקט פארקערט, עס האט אויסגעזען ווי איר זענט גאנץ אויפגעלייגט, און איר זענט אויפן וועג צו עפעס א געשמאקער פארברענג, און נישט צו א טרויעריגע לוויה...

דאס האט שטארק ארויפגעברענגט מיין פארדאכט... און ווען איר האט נאכדעם אנגעהויבן צו וויינען, כאילו איר וויינט וועגן דער טויטער מענטש, איז עס שוין געווען אביסל צי שפעט...

וויסן זאלט איר, האט דער שומר אויסגעפירט, אז אויב גייט מען דא פרייליכערהייט, וועט איר דא צוריקקומען טרויעריג און מיט טרערן, אויפן גרויסן געלט-שטראף וואס איר וועט דארפן צאלן...

דא האט רבי מיכאל בער זיך געווענדן צו די וויינענדיגע פרוי, און האט געזאגט צו איר, ווען אין דער זעלבער צייט ווענדט ער זיך אויך צו זיינע פילע תלמידים: וויסן זאלסטו, אז אויב מען וויינט און מען האט צער וועגן דער חינוך פון די קינדער, גלייך אין אנהייב, און אפילו ווען עס קומט אן זייער שווער, האלט מען זיך פעסט צום הייליגן חינוך, און מען פארגיסט פילע טרערן ווי וואסער...

דעמאלטס, שפעטער ווען די קינדער וואקסן אונטער, וועט מען שעפן פון זיי פיל שמחה און נחת, מיט אידישע חתונות וועלכע זענען פול מיט שמחה של מצוה, און זוכה זיין צו אייניקלעך און אור-אייניקלעך און ווייטערדיגע דורות, וועלכע פירן זיך בקדושה וטהרה, לשם ולתפארת.

אבער אויב דער סדר איז פארקערט, אז מען לאזט זיך ארויס אויפן וועג פון חינוך מיט פרייד און מיט לייכטזיניגקייט, און מען זוכט אז עס זאל זיין וואס מער גרינג און לייכט... און מען פלאגט זיך בכלל נישט מיט צער פארן חינוך פון די קינדער, איז דער סוף חלילה, אז מען קערט זיך צוריק פון דארט מיט טרויער און קרעכצעניש און א טיפע געוויין פארן פארלירן די קינדער, וועלכע גייען חלילה אוועק און פאשען אין פרעמדע פעלדער, צומאל אויף אזוי ווייט אז זיי פארלאזן דעם אידישן פאלק אינגאנצן, רחמנא ליצלן!

->•<-

לאמיר אויך אונז זיך אפלערנען פון די מעשה, אז ווען מען פלאגט זיך און מען האט צער ביים אנהייב פונעם יאר, איז מען זוכה דערנאך צו שניידן די פירות מיט געזאנג, און דעמאלטס וועט זיין "מְתוּקָה שְׁנַת הָעֹבֵד"!

אבער אויב מען לאזט זיך ארויס אויפן וועג מיט לייכטקייט און פוילקייט, אן צו ארבעטן און אן זיך צו פלאגן כדי זיך צו טוישן און ווערן א נייער מענטש, וואס וועט דען העלפן די "שבת בראשית" מיטן נייעם כח החידוש וואס זי טראגט מיט זיך.

דעריבער, לאמיר זיך שטארקן אין אט די הייליגע טעג ווען עס איז נאכנישט צי שפעט, און זיך כאפן צו מאכן דעם גרויסן טויש, וואס קומט אראפ אום שבת בראשית, און זיך ענדערן צום גוטן!

[מתוך טיב השידוכין מהדו"ד עריכה מחודשת, שער הבית פ"ו חינוך הילדים אות ה]


# על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל מייער נלבע י"ג אלול תשפ"ב תנצב"ה.

יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פז



יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173